בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת בהעלותך תשע"ח | פרקי אבות פרק ב | גליון 458 [שנה י']

**דרוש- די נרות וועלן דערהויבן דעם מזל פון כלל ישראל און די שייכות פון נרות און תקיעת שופר און קטורת**

בְּהַעֲלֹתְךָ אֶת הַנֵּרֹת: (ח ב) שטייט אין מדרש (ויקרא רבה, פרק כד) הה"ד ה' חָפֵץ לְמַעַן צִדְקוֹ יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר. (ישעי' מב כא), א פליאה און עס שטייט נאך א מדרש בְּהַעֲלֹתְךָ אֶת הַנֵּרֹת: הה"ד אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה (תהלים פט טז). וואס איז די שייכות פון נרות צו שופר? נאר מען קען מסביר זיין דעם פסוק לויט וואס עס שטייט אין מדרש רבה (שיר השירים ב' ד') "מהו הֵיטִיבוּ כָּל־אֲשֶׁר דִּבֵּרוּ (דברים ה' כה)? חייא בר אדא ובר קפרא, חד אמר הֲטָבָה כְּהֲטָבַת הַנֵּרֹת וחד אמר הֲטָבָה כְּהֲטָבַת הַקְּטֹרֶת". קומט אויס אז נרות מיט שופר מיט קטורת האבן איין קשר, וואס איז דאס! נאר די גמ' (מו"ק כח.) ברענגט: רבא זאגט אז בני חיי ומזוני איז לויטן מזל און נישט לויטן זכות פרעגט תוס' ד"ה אין מזל לישראל, (שבת קנו.) א סתירה פון די גמ' אין מו"ק אז בני חיי ומזוני ווענד זיך אין מזל און דא שטייט א איד איז נישט נשפע פון מזל? ענטפערט תוס' אז דורך זכות גדול קען מען באקומען א גוטע מזל עכ"ד תוס'. און זכות גדול איז דורך לימוד התורה שהיא נותנת חיים לעושיה, און אזוי שטייט אין זוהר הק' אנפאנג ויצא אז די מעלה פון לימוד התורה איז אז עס קען טאן זאכן פאר א מענטש שלא כדרך הטבע. און אויך ביי קטורת שטייט אין מס' יומא אז דאס מאכט רייך, פון פסוק וְכָלִיל עַל מִזְבְּחֶךָ, בָּרֵךְ ה' חֵילוֹ (דברים לג י–יא), דאס איז א ברכה אויף עושר, און אויך ביי הדלקת הנרות שטייט אז דאס האט אויפגעהויבן די מזל און רייך געמאכט די אידן פון יענע צייטן, דאס מיינט הֵיטִיבוּ כָּל־אֲשֶׁר דִּבֵּרוּ, וואס דאס איז לימוד התורה באהבה וואס דאס ברענגט עשירות און א ברכה פארן מענטש שלא כדרך הטבע און העכער פון מזל, און דאס זעלבע שפע ברענגט הֲטָבַת הַנֵּרֹת און הֲטָבַת הַקְּטֹרֶת. און אויך איז באוואוסט אז תקיעת שופר ר"ה איז מהפך דין צו רחמים, דאס איז פשט אין די אלע מדרשים: בְּהַעֲלֹתְךָ אֶת הַנֵּרֹת, וואס דורך די נרות, זיי וועלן דיר מעלה זיין העכער פון מזל הה"ד ה' חָפֵץ, די נרות אזוי ווי תּוֹרָה, יַגְדִּיל וְיַאְדִּיר גיין העכער שלא כדרך הטבע. און דעריבער איז גוט די קשר פון נרות צו שופר וואסביידע זענען מבטל דינים, איז שוין אויך גוט דער קשר פון נרות, קטורת, און שופר. (תנופה לחיים לר' חיים פאלאג"י)

**ביאור און ידיעה ווער האט געמאכט די מנורה**

דַּבֵּר אֶל־אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֵלָיו בְּהַעֲלֹתְךָ אֶת־הַנֵּרֹת אֶל־מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת: וַיַּעַשׂ כֵּן אַהֲרֹן אֶל־מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה הֶעֱלָה נֵרֹתֶיהָ כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת־מֹשֶׁה: מִקְשָׁה זָהָב עַד־יְרֵכָהּ עַד־פִּרְחָהּ מִקְשָׁה הִוא כַּמַּרְאֶה אֲשֶׁר הֶרְאָה ה' אֶת־מֹשֶׁה כֵּן עָשָׂה אֶת־הַמְּנֹרָה: (ח ב–ד) ביי אלע כלי המשכן האט משה פארשטאנען ווי דאס צו מאכן אבער ווען עס איז געקומען צו די מנורה שטייט וְעָשִׂיתָ מְנֹרַת זָהָב טָהוֹר מִקְשָׁה תֵּיעָשֶׂה הַמְּנוֹרָה: (שמות כה, לא) זאגט רש"י תֵּיעָשֶׂה הַמְּנוֹרָה: מאליה, פון זיך אליין לפי שהיה משה מתקשה בה, אמר לו הקב"ה השלך את הככר לאור והיא נעשית מאליה, דעריבער שטייט נישט תַּעֲשֶׂה: און רש"י נעמט דאס פון מדרש (תנחומא בהעלותך ג) וז"ל דבר אחר, בהעלתך את הנרות. את מוצא שנתקשה משה במעשה המנורה יותר מכל כלי המשכן, עד שהראה לו הקדוש ברוך הוא באצבע... מקשה זהב, מהו מקשה? כלומר, מה קשה היא לעשות. שהרבה יגע משה עד שלא עשה המנורה שכן הוא אומר מקשה תיעשה המנורה. כיון שנתקשה אמר הקב"ה למשה טול ככר זהב והשליכהו לאש והוציאהו, והיא נעשית מעצמה... מה עשה משה, נטל את הככר והשליכו לאור, ואמר משה: רבונו של עולם הרי הככר נשלך בתוך האש. כשם שאתה רוצה תיעשה לפניך. מיד יצאת המנורה עשויה כתיקונה. **לכך כתיב: "כמראה אשר הראה ה' את משה כן עשה את המנורה". כן עשה משה אין אומר כאן אלא כן עשה סתם. מי עשה? הקדוש ברוך הוא.** שטייט דא בפירוש אין מדרש אז דער אויבערשטער האט געמאכט די מנורה, אבער רש"י ביי אונזער פסוק ד"ה כֵּן עָשָׂה אֶת־הַמְּנֹרָה: זאגט "מי שעשאה". ומדרש אגדה על ידי הקב"ה נעשית מאליה. דא איז אינטרעסאנט וואס אין אנפאנג זעט אויס אז רש"י האט חרטה פון פ' תרומה און לערנט אז ווער האט געמאכט די מנורה? "מי שעשאה"! און נאכדעם ברענגט ער די מדרש אגדה אז דער אויבערשטער האט דאס געמאכט. אבער ווער איז דער "מי שעשאה"? אויף דעם קען מען זאגן דריי שיטות:

1] די גמ' (מנחות דף כט ע"א) שטייט תניא רבי יוסי ברבי יהודה אומר ארון של אש ושולחן של אש ומנורה של אש ירדו מן השמים וראה משה ועשה כמותם, שנאמר:"וראה ועשה כתבניתם אשר אתה מראה בהר". שטייט קלאר אז נאך נתקשה האט דאס משה געמאכט אזוי ווי ער האט געמאכט די ארון און שלחן. און אזוי ברענגט דער נימוקי הרמב"ן בשם די ספרי.

2] עס איז דא א מדרש: (במדבר רבה טו, י) וז"ל אמר לו "וראה ועשה" עד שנטל מנורה של אש והראה לו עשייתה ואף על פי כן נתקשה על משה. **אמר לו הקב"ה: לך אצל בצלאל והוא יעשה אותה. אמר לבצלאל ומיד עשאה.** התחיל תמה ואמר: אני כמה פעמים הראה לי הקב"ה ונתקשיתי לעשותה, ואת שלא ראית עשית מדעתך! בצלאל, בצל אל היית עומד כשהראה לי הקב"ה עשייתה עכ"ל. שטייט דא בפירוש אז בצלאל האט געמאכט די מנורה. און אין ספר חן טוב פ' בהעלותך (ר' טובי' הלוי מחכמי צפת –ויניציא שס"ה) ברענגט ער ראיות אז בצלאל האט געמאכט די מנורה עיי"ש

3] אין ספר **אברהם שנית** (להמקובל ר אברהם רומאנו) זאגט א חידוש: ווייל לכאורה איז שווער די סדר הפסוקים, ווייל דער אויבערשטער רעדט צו אהרן בְּהַעֲלֹתְךָ אֶת־הַנֵּרֹת אֶל־מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵּרוֹת, וועגן די הדלקת הנרות, און עס שטייט גלייך נאכדעם וַיַּעַשׂ כֵּן אַהֲרֹן אֶל־מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה הֶעֱלָה נֵרֹתֶיהָ, אז אהרן האט אזוי געטאהן, אויב אזוי ווי קומט דא אריין כַּמַּרְאֶה אֲשֶׁר הֶרְאָה ה' אֶת־מֹשֶׁה כֵּן עָשָׂה אֶת־הַמְּנֹרָה? נאר דאס זאגט די הייליגע תורה אז נישט נאר האט אהרן געטאן די הדלקת הנרות הֶעֱלָה נֵרֹתֶיהָ כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' אֶת־מֹשֶׁה, נאר אויך כַּמַּרְאֶה אֲשֶׁר הֶרְאָה ה' אֶת־מֹשֶׁה, און משה איז געווען נתקשה, כֵּן אזוי ווי די הדלקה האט אהרן געטאהן, אזוי אויך עָשָׂה אֶת־הַמְּנֹרָה, האט אהרן אויך געמאכט די מנורה! דעריבער שטייט נאכן הדלקת הנרות פון אהרן, וְזֶה מַעֲשֵׂה הַמְּנֹרָה: אז אהרן האט דאס אויך געמאכט. קומט אויס עס זענען דא פיר שיטות ווער האט געמאכט די מנורה. 1. דער אויבערשטער, 2. משה, 3. בצלאל, 4. אהרן. (שמח זבולון תשע"ח)

**ווער איז געווען דער נער?**

וַיָּרָץ הַנַּעַר וַיַּגֵּד לְמֹשֶׁה וַיֹּאמַר אֶלְדָּד וּמֵידָד מִתְנַבְּאִים בַּמַּחֲנֶה: (יא כז) זאגט רש"י יש אומרים אז דער נער וואס איז געלאפן דערציילן צו משה איז גאר געווען גרשום בן משה ( מדרש תנחומא יב), צו פארשטיין דעם

שיטה פארוואס האט דוקא גרשום געלאפן דערציילן פאר משה? נאר מען קען זאגן אז גרשום וואס איז געווען די בכור פון משה רבינו האט געמיינט אז ער וועט איבערנעמען די הנהגה פון משה און יעצט הערט ער אז אֶלְדָּד וּמֵידָד זאגן אז משה מת ויהושע מכניס (סנהדרין י"ז ע"א) איז ער געלאפן פרעגן זיין טאטן היתכן אז יהושע וועט זיין די ממלא מקום און נישט ער? (בית ישראל השלם, למוה"ז אדמו"ר ממאטערסדארף)

# מדור העובדות

## דער הייליגער צדיק ר' נחום זצוק"ל א גאון אין חסד און שפלות

דער הייליגער צדיק ר' נחום קאפלאן זצ"ל פון הורדונא [נפ' תרל"ט] איז געווען דער רבי פון הייליגן חפץ חיים זצוק"ל. זיין חסד איז געווען העכער פון אונזער השגות ער האט נישט גערוהט ווען עס איז געווען א נצרך. איינמאל איז אויס געקומען אין הוראדנא א פדיון שבויים וואס מען האט געדארפט 150 רובל ממש אין יענעם טאג צוואוסליזן א איד און אויב נישט וועט מען אים אוועקשיקן אין א ווייטע פלאץ וואס וועט זיין סכנת נפשות רח"ל. ר' נחום האט נישט געהאט א פרוטה צו זיין נשמה און 150 רובל איז געווען א פארמעגן. ער האט נישט געקענט גיין צו זיינע באקאנטע גברים ווייל ער האט זיי געקומט געלט פון אנדערע צדקות ממילא וואלטן זיי נישט געגעבן נאך.

ר' נחום האט געטראכט א עצה ביז אים איז איינגעפאלן אז אין א נאנטע שטאט וואוינט א גביר וואס ער האט אים שוין לאנג נישט געבעטן א הלואה און תיכף פארט ער אהין, די צייט איז טייער און ר' נחום קומט צום גביר אין שטוב וואס ער נעמט אים אויף זייער ווארעם און פרעגט ר' נחום וואס ער דארף? ר' נחום לייגט אראפ דער ענין פון פיקוח נפש וואס ער מוז האבן די 150 רובל נאך היינט! רופט זיך אן דער גביר אז באמת וואלט ער געבארגט די געלט נאר היות אז ער דארף מארגן פארן צו א יריד און עס ווארט אים א גרויסע געשעפט און ער וועט דארפן אסאך געלט ממילא קען ער אים יעצט נישט בארגן.

אבער, זאגט דער גביר אז ער וועט גיין פרעגן זיין ווייב אויב זי איז מסכים, ווייל זי פירט די אלע חשבונות פון זיינע געשעפטן און אפשר וועט זי זען אז מען וועט נישט דארפן די 150 רובל ווענן די מסחר און אזוי וועל איך גערן געבן די הלואה, רופט זיך אן ר' נחום אז מען טאר נישט אריינמישן קיינעם, ווייל דער שטן וועט נישט לאזן מקיים זיין אזא גרויסע מצוה!

רופט זיך אן ר' נחום אז ער זאגט צו אז ביז 12 אזייגער מארגען וועט ער צוריק האבן די געלט. פרעגט דער גביר פארוואס ר' נחום גייט נישט צו אנדערע גבירים? האט ער געענטפערט אז ער קומט זיי אלע געלט, און יעצט איז דאס א פיקוח נפש, ר' נחום איז מסביר די גביר די גרויסקייט פון פדיון שבויים און די שכר פון דעם און דער גביר האט מסכים געווען צו געבן די געלט אבער ער מוז האבן די געלט אויף צוריק 12 אזייגער, און ער גיט איבער די 150 רובל פאר ר' נחום.

ר' נחום איז שנעל געפארן און אויסגעלייזט דער אומגליקליכן איד וואס האט אים געדאנקט און געבענטשט, ר' נחום איז געווען מלא שמחה אויף די זכות פון פדיון שבויים. מארגען צו פרי שטייט אויף ר' נחום און נעמט זיך טראכטן וואו נעמט ער 150 רובל ביז 12 אזייגער? נאכן דאווענען נעמט ער זיך מתפלל זיין אז ער זאל מצליח זיין און ער גייט ארויס פון שטוב פול מיט אמונה און בטחון אז דער אויבערשטער וועט אים צו שיקן די געלט פאר 12 אזייגער! ר' נחום דרייט זיך אין די גאסן און אין די שטיבער מיט זיין פושקע און מענטשן ווארפן אריין א מטבע און נאך א מטבע אבער אלעס איז נאר קליין געלט, אבער ר' נחום פארלירט זיך נישט ער האט פול בטחון אז ער וועט דערגרייכן די 150 רובל ביז 12 אזייגער! דערווייל ווערט שוין נאנט צו 12 אזייגער און דער גביר קומט צו גיין צו ר' נחום און זעהט ווי ער קלייבט געלט א פרוטה און א פרוטה אבער ער האט שטארק מורא אז די 150 רובל וועט שוין נישט זיין? און פרעגט ר' נחום וואס וועט דא זיין?

אבער ר' נחום איז שטארק ביי זיך מיט זיין בטחון און זאגט דער גביר אז ביז 12 אזייגער וועט זיין די געלט, און אזוי ווי ר' נחום דרייט זיך אין די גאסן, קומט אים אנקעגן צוויי אידן מיט א שמחה אז היות זיי זענען געווארן יעצט מחותנים און זיי האבן א נדן פון 140 רובל וואס זיי דארפן דאס יעצט נישט, און ערשט אין א האלב יאר וועלן זיי דאס דארפן, און זיי ווילן דוקא אז ר' נחום זאל נוצן די געלט אויף א וויכטיגע צדקה כדי עס זאל זיין א זכות פאר די חתן און כלה, ממילא בעטן זיי פון ר' נחום ער זאל דאס נעמען!

ר' נחום האט זיי שטארק באדאנקט פאר דעם און האט זיי געזאגט אז טאקע יעצט נויטיגט ער אין די געלט פאר א פדיון שבויים און זיי געזאגט אז דאס וועט זיכער זיין א גרויסע זכות פארן חתן און כלה און די מחותנים און זיי געגעבן א ברכה. ר' נחום האט זיי געגעבן א שטר אז אין א האלב יאר ארום וועלן זיי צוריק באקומען די געלט, דערווייל איז די גביר געשטאנען אויפן זייט און זעט וואס דא איז פאר געגאנגען אזא השגחה פון הימל! און ער איז שוין געווארן בארוהיגט. ער איז צו געגאנגען צו ר' נחום און האט אים ארויסגעגעבן זיינע מורא'דיגן טיפע הרגשים וואס ער האט אליין געזען די השגחת הבורא מיט זיינע אייגענע אויגן.

זאגט ר' נחום פארן גביר קום אריין אין א שטוב און לאמיר ציילן די געלט! זיי האבן ביידע געציילט די געלט, און צום גרויסער וואונדער האט מען געזען אז וואס ר' נחום האט צאמגעקליבן אין די פושקע איז געווען פונקט 10 רובל אויפן האר און צוזאמען מיט די 140 רובל פון נדן האט ער געהאט 150 רובל, און דאס געגעבן פארן גביר. ר' נחום האט געגעבן א שבח והודאה פארן אויבערשטן. און דער גביר וואס האט אליין געזען די גרויסע השגחה וואס ר' נחום האט פון אויבערשטן, האט געזאגט צו ר' נחום אז ווען ער וועט דארפן האבן געלט אויף א וויכטיגע צוועק אויף א קורצע צייט זאל ער קומען צו אים און ער וועט אים העלפן, און אזוי וועט ער האבן אויך א חלק אין די זכותים.

==============================================

יום ו' י"ח סיון איז די יאהרצייט פון הרה"ק ר' ישכר בער ב"ר יצחק מראדאוויץ זצוק"ל עס איז א סגולה צו צינדן א ליכט. אויך זיינע א סגולה: בעת צרה זאל מען זאגן דער פסוק כִּי־גוֹי אֹבַד עֵצוֹת הֵמָּה וְאֵין בָּהֶם תְּבוּנָה: און צוזאגן 19 פרוטות פאר צדקה


***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן***

שו"ע אורח חיים ג"ח דפוס זיטאמיר מצב מפואר $1000, ספר וואס האט באלאנגט צו הרה"צ ר' יענק'לע פשעווארסק ,$900 ספר מליצי אש ג' כרכים $200, סעט ליקוטי מהרי"א עה"ת והש"ס $150, חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $4000, ספר משנה הלכות מיט הקדשת המחבר אונגוואר רב זצ"ל צו הרה"ק ר' פנחס שלום האגער מוויזניץ זצוק"ל מיט זיין חתימה $1000 גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , ברית אברהם דפוס ראשון $1500 , דרך אמונה סיגאט ח"ב דפו"ר $700, רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, *ספר בנימין זאב באלאנגט צו תפארת שלמה ראדאמסק, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער $3000, סעט ארבע טורים מצב נהדר עם כריכה ארגינלית נדפס דיהרנפורט עם חתימת הגאון ר' זרח ב"ר אבא ליפפא אב"ד בוחיף ועוד $2000, פרי עץ חיים קארעץ שייך לר' ליבר בהרב און אלטע הגהות בקבלה כת"י $2000*

**דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז**

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***